NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13477

AYZIKL OYF DER RAYZE

Leib Kvitko

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

טעקסט-ל. קוויטקאָ   בילדער-ה. טשערניאַק



(0.87.1)



אײזיק זאָגט צום הינטל טעקל:
„הער אוף דרײַען מיטן עקל.
גוטע נאַכט און שלאָפן גײן!
כּװיל אין שלאָף א בּאַן הײנט זען“.

און ער זעט א בּריטשקע פאָרט:
„אָ, איך דאַרף דיך, װארט נאָר דאָרט!“
און מע פרײט זיך. ער און טעקל,
טעקל אויפגעשטעלט דאָס עקל.



א, דאָרט, איר, פֿון וועג אראָפּ!
קינדער, קינדער, היט אייך אָפּ!
אַ טראַמוואַי פליט — הו־הו!
ווער דער פירער, קוקט אייך צו!

יאָ, ס׳איז אייזיק, יאָ, געווים.
און סע יאָגט זיי נאָך א ברעקל:
ווייסט איר אויך שוין ווער סע איז—
איר דערקענט עס נאָכן עקל.



אײזיק דרײט און האָט ניט מוירע,
טעקלען הײבט זיך אוף אן אויער:
ער איז גרײט אין א געוועט
מיט אַזאַ וועלאָסיפעד.

טעקל איז א גיכער לויפער,
לויפט ער אײזיקלען פאָרויס.
פליט מען דורך די פלויטן, הויפן,
צו דעם ברײטן פעלד ארויס.



נאָר אין אַווטאָ אין געזונטן
מוז שוין טעקל זיצן אונטן.—
אָבער אייזיק איז שאַפער!
פאר א הינטל איז עס שווער.

פליען וועלדער, מומעס, פעטערס,
פליען ווערסטן, קילאָמעטער,
און דער קרעפּטיקער שאָפער
דרייט אַהין און דרייט אהער:



אָט, סע ראַשט, סע פּייפּט, סע גלעקלט.
רויך צעקנוילט און פּאַרע פּליסט.
סע גייט א צוג און אייזיק טעקלס
איז דער בּראַווער מאַשיניסט.

לויפט א צוג אָן שיך און זאָקן,
יאָגט אזוי — אָט קוקט אים אָן —
טעקל האָט זיך גאָר דערשראָקן,
זיך בּאהאלטן אין וואגאָן.



אוּן אָט איז מען אין אַ שיפֿל
אַף די גלאַטע וואַסער־טיפֿן,
וואַסער, וואַסער איז אַרום...
אוּן דאָס שיפֿל טראָגט זיך אוּם.

טראָגט זיך פֿריילעך שטיל אוּן רו,
אוּן די רודערס פּאַטשן צו;
אוּן די כוואַליעס יאָגן, יאָגן,
פֿון אַ ווייטן לאַנד זיך טראָגן.



און אָט איז מען שוין גאָר היינט
מיטן ווינט א גוטער פריינט.
אין א שיפל מיט א זעגל
זיצט זיך אייזיקל און טעקל.

און דער טייך, ער פינקלט בלוי,
און דאָס שיפל וויגט אַזוי;
וויגט זיך אינם וואסער שטילן
אַזש דעם טעקל גלוסט זיך בילן!



אָבֿער אײזיקל וויל דאַן
דורכפאָרן דעם אָקעאַן ...
מוז ער זיך צום דאמפער לאָזן
צו די הונדערטער מאטראָסן.

אָט איז אײזיק אפן עק,
איז מיט סאזשע גאנץ באדעקט.
אז ניט מעגלעך צו דערקענען
ווי די אײגלעך פרײלעך ברענען!



און אָט גייט א נייער קאָן —
ביידע אין א לופט־באלאָן.
אין א רערל קוקט זיך אייזיק,
און דער קליינער טעקל קאַיסט זיך:

שרעקלעך הויך און העכער שפּאַרט
טעקל שרעקט זיך פארדערפאַר.
און דאָס קעפּל אים פארדרייט זיך...
נאָר דער אייזיקל, ער פרייט זיך.



ניט געטראכט און זעצט זיך דאן
פּאַשעט אין אַ עראָפּלאַן.
און די וואָלקנס באַלד צערייסט ער...
העכער, העכער, העכער שמייסט ער,

אַזש דער הימל שיר צעגייט זיך,
און די ערד אַלץ מער צעשפּרייט זיך,—
פּלוצים, פּלוצים, הערט עס אויף...
— אייזיק, אייזיקל שטיי אויף!



„צענטרפארלאג“ № 5.